NEW YORK STATE | Office for People With Developmental Disabilities



# פאמיליע שטיצע סערוויסעס (Family Support Services, FSS) איבערזיכט





(866) 946-9733 | NY Relay Service 711

www.opwdd.ny.gov


NEW YORK STATE | Office for People With Developmental Disabilities

44 Holland Avenue
Albany, NY 12229-0001


29-יאנואר-2025















OPWDD שטעלט צו א ברייטע אויסוואל פון סערוויסעס וועלכע העלפן ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו לעבן א בעסערע לעבן אינערהאלב זייער קאמיוניטי. סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דירעקט דורך די OPWDD און דורך א נעטווארק פון אומגעפער 600 נאן-פראפיט אגענטורן לענגאויס די סטעיט.

OPWDD‘ס פאמיליע שטיצע סערוויסעס (FSS) שטעלט צו פראגראמען און שטיצע צו העלפן פאמיליעס צו האלטן זייער באליבטע מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס פארזיכערט און אינדערהיים.

## ווער איז בארעכטיגט צו באקומען FSS?

כדי צו זיין בארעכטיגט פאר FSS, דארף מען:

1. האבן אוועקגעשטעלטע בארעכטיגונג פאר OPWDD סערוויסעס; און
2. וואוינען אינדערהיים די גאנצע צייט מיט איין אדער מער *נישט-באצאלטע פאמיליע מיטגליד(ער) (ווי למשל ביאלאגישע, אדאפטיווע אדער עקסטענדעד פאמיליע אדער נישט-באצאלטע קעיר-נעמער(ס) אויב עס איז נישט דא קיין ביאלאגישע, אדאפטיווע אדער עקסטענדעד פאמיליע)

* געוויסע אויסנאמען קענען זיין גילטיג. ביטע זעט ADM 2022 02R און פארבינדענע אנווייזונגען פאר ספעציפישע אינפארמאציע

מען דארף נישט זיין איינגעשריבן אין Medicaid כדי צו באקומען FSS.

## וואספארא סארט שטיצע שטעלט FSS צו?

עס איז דא צו באקומען א ברייטע אויסוואל פון פאמיליע שטיצע סערוויסעס אייך צו העלפן זיך אפגעבן מיט אייערע באליבטע אינדערהיים. פראגראמען זענען אנדערש אין יעדע ראיאן און קענען אריינרעכענען הילף מיט:

- אדוקאסי
- נאך-שולע פראגראמען
- אויפפירונג שטיצע
- קריזיס סערוויסעס
- פאמיליע פארגיטיגונג
- פאמיליע קאונסעלינג און טרעניררונג
- אינפארמאציע און רעפערל
- עלטערן און געשוויסטער שטיצע גרופעס
- פארווייילונג קעמפ
- אפרוה
- סערוויס צושטיט
- סאושעל סקילס טרעניררונג
- ספעציעלע געציג און היים ענדערונגען
- טראנספארטאציע

FSS קען זיין א לייפליין פאר פאמיליעס וואס דארפן הילף נאכצוקומען די געברויכן פון זייערע באליבטע און קען זיין די איינציגסטע OPWDD סערוויס וואס פעלט אויס צו שטיצן איינער וואס וואוינט אינדערהיים מיט זייער פאמיליע.

## די ראלע פון לאקאלע FSS אדווייזערי קאונסילס

אלע OPWDD‘ס אנטוויקלונג דיסאביליטי ראיאנישע אפיסעס (Developmental Disability Regional Offices, DDRO) האבן עטליכע לאקאלע FSS אדווייזערי קאונסילס וועלכע זענען צאמגעשטעלט פון מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס, און זייערע פאמיליע מיטגלידער, פראפעסיאנאלן וואס האבן אן אינטערעסע צו קעירן פאר מענטשן מיט דעוועלאפמענטאל דיסאביליטיס. די לאקאלע קאונסילס געבן אנווייזונגען פאר OPWDD איבער די סארט שטיצע און סערוויסעס וואס פעלן אויס פאר לאקאלע פאמיליעס וועמעס באליבטע וואוינען מיט זיי אינדערהיים. די קאונסילס ארבעטן צוזאמען מיט DDRO‘ס FSS קאארדינירער צו מאכן, איינפירן און האלטן אן אויפזיכט איף פראגראמען וואס שטעלן צו די געברויכן פון די לאקאלע פאמיליעס.

## אויב איר ווילט FSS פאר אייער פאמיליע

פאר מער אינפארמאציע וועגן OPWDD בארעכטיגונג, FSS פראגראמען אדער וויאזוי זיך צו באטייליגן אין אייער לאקאלע FSS אדווייזערי קאונסיל, רופט אונזער אומזיסטע אינפארמאציע ליניע איף 9733-946 (866) פאר שטימע אדער NY Relay Service 711. איר קענט אויך טרעפן הילפבארע אינפארמאציע איף די OPWDD וועבזייטל איף www.opwdd.ny.gov.

